**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט באשטעטיגונג פון סאולער פאסיליטיס אין פרענקלין קאונטי

***100-מעגאוואט פראיעקט ערווארטעט צו שאפן מער ווי 130 דזשאבס און געבן קראפט פאר 16,500 הייזער***

***15 גרויסע-פארנעם באנייבארע ענערגיע פראיעקטן באשטעטיגט דורך ORES זינט 2021 ברענגט 2.3-גיגעוואטס פון נייע ריינע ענערגיע צו די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג האט ארויסגעגעבן אן ענדגילטיגע פלאצירונג פערמיט פאר ברוקסייד סאלער LLC צו אנטוויקלען, פלאנען, בויען, אפערירן, אויפהאלטן, און אפשטעלן א 100-מעגאוואט סאלער ענערגיע פאסיליטי אין די טאונס פון בורק און טשאטיגעי, פרענקלין קאונטי. איינמאל פארענדיגט, איז די פאסיליטי ערווארטעט צו אויסגעבן גענוג ריינע ענערגיע צו געבן קראפט צו מער ווי 16,500 ניו יארק הייזער און רעדוצירן קארבאן עמישנס מיט מער ווי 131,000 מעטריק טאנען, **וועלכע איז** אייניג צו אראפנעמען נאנט צו 29,000 קארן פון די וועגן. די סאולער פאסיליטי איז אויך ערווארטעט צו שאפן מער ווי 130 **פולע**-צייט אייניגע דזשאבס בשעת'ן בויען און אפערירן.

"ניו יארק סטעיט נעמט יעצט נאך א טריט פאראויס אין בויען א ריינע עקאנאמיע," **האט געזאגט גאווערנער האקול.** מיטן ארויסגעבן די ענדגילטיגע פלאצירונג פערמיט, שאפן מיר דזשאבס, שטעלן מיר צו פאר ניו יארק פאמיליעס און ביזנעסער מיט ריינע און אנהאלטבארע ענערגיע, און בויען א בעסערע צוקונפט פאר דורות פון ניו יארקער צו נאכפאלגן."

דעם היינטיגן מעלדונג צייכנט די 15טע גרויסע באנייבארע ענערגיע פאסיליטי פערמיט ארויסגעגעבן דורך די אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג (Office of Renewable Energy Siting, ORES) זינט 2021. אלעס צוזאמען, טוען די 15 פערמיטס רעפרעזענטירן מער ווי 2.3 גיגאוואטס פון נייע ריינע ענערגיע ערלויבט. די ערפאלג טוט אונטערשטרייכן ניו יארק'ס קלימאט פירערשאפט און טוט רעפלעקטירן די שנעלסטע גאנג פון גרויסע באנייבארע ענערגיע פאסיליטי באשטעטיגונגען אין די סטעיט היסטאריע.

ברוקסייד סאלער איז ערווארטעט צו צושטעלן מער ווי $12.7 מיליאן אין די ערשטע 20 יאר צו די קאונטיס, טאונס און סקול דיסטריקטס אין פארעם פון צאלונגען אנשטאט פון שטייערן און אפהאלטן קאמיוניטי אפמאכן צו אינוועסטירן אין אינפרעסטרוקטור, נאך סערוויסעס, און הילפסמיטלען פאר איינוואוינער אין די קאמיוניטיס וואס האבן די פאסיליטי.

ORES האט דורכגעפירט א צייטליכע, דעטאלירטע, און קלארע איבערזיכט פראצעדור, מיט שטארקע פובליק אנטיילנעמונג צו פארזיכערן אז די פארגעשלאגענע פראיעקט קומט נאך אדער שטייגט איבער די

פאדערונגען פון עקזעקיוטיוו געזעץ § c-94 און אירע איינפירונג רעגולאציעס. די פראיעקט איז נאך א ביישפיל פון די סטעיט'ס געמיינזאמע צוגאנג צו ערלויבן גרויסע באנייבארע ענערגיע פאסיליטיס וואס ווערט געצילט צו שליכטן לאקאלע זארגן אן די געברויך פאר געריכט אורטייל. אזוויי די פראיעקט גייט ווייטער, וועט ORES ווייטער ארבעטן אינאיינעם מיט די גאסטגעבער מוניציפאליטעטן און קאמיוניטי אינטערעסן צו זעהן די פראיעקט צו בוי-ארבעט.

דעם היינטיגן'ס באשלוס קען ווערן אפגענומען דורך גיין צו די אפיס'ס וועבסייט אויף [https://ores.ny.gov/permit-applications](https://ores.ny.gov/permit-applications).

**ניו יארק סטעיט אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג עקזעקוטיווע דירעקטאר האוטען מאעוועני האט געזאגט,** "די ערפאלג פון די c-94 פלאצירונג פראצעדור ווערט צוגעשריבן צו די שטאב ביי ORES און איר פארבינדענע סטעיט אגענטורן, ווי אויך אלע פארבינדענע אינטערעסן אריינגערעכנט לאקאלע אפיציעלן, קאמיוניטי מיטגלידער, ענווייראמענטל גרופעס, לעיבאר יוניאנס און די ריינע ענערגיע אינדוסטריע, געווידמעט צו בויען א ריינערע, שטערקערע ניו יארק. די פראצעדור שטייט ווי א רעגולאטארי מאדעל און מיט די ווייטערדיגע פירערשאפט פון גאווערנאר קעטי האקול, בלייבט ORES אין א גוטע פלאץ צו העלפון די סטעיט עררייכן איר קלימאט צילן בשעת'ן פארזיכערן שטארקע באשיצונג פאר אונזער נאטורליכע מיטלען און קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראמענטל קאנזערוועישן קאמישינער בעסיל סעגאס האט געזאגט,** "סאולער ענערגיע אנטוויקלונג שטעלט צו מער ריינע עלעקטריציטעט פאר די סטעיט'ס קראפט גריד, שטיצן באמיאונגען צו נאכקומען די פאדערונגען פארגעשטעלט אין די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט און אין די זעלבע צייט שאפן גוט-באצאלטע גרינע דזשאבס וואס בענעפיטירט ניו יארק'ס עקאנאמיע. גאווערנאר האקול'ס אנהאלטענדע געוויכט פון באנייבארע ענערגיע פראיעקטן האלט אן צו ווייטער נעמען די סטעיט'ס איבערגאנג פון פאסיל פיולס, רעדוצירן קלימאט פארפעסטיגונג און פארבעסערן לופט קוואליטעט."

**אלייענס פאר ריינע ענערגיע ניו יארק עקזעקוטיווע דירעקטאר האוטען אננע ריענאלדס האט געזאגט,** " דאס איז א געווין-געווין פאר אלע ניו יארקערס ספעציעל פאר די אין פרענקלין קאונטי, און מיר אפלאדירן יעדער וואס האט געהאלפן מאכן די מעלדונג מעגליך. די פראיעקט וועט נישט נאר צושטעלן שטארק-נויטיגע באנייבארע ענערגיע צו ניו יארק נאר וועט צושטעלן אמת'ע פראקטישע עקאנאמישע בענעפיטן וואס וועלן פארבעסערן די לעבן פון צפון לאנד ניו יארקערס."

**ניו יארק פארבאנד פון קאנזערווירונג ווילער פאליסי דירעקטאר פעטריק מקלילען האט געזאגט,** "אזוויי די געזונט פון אונזער פאפולאציע און פלאנעט טוען ווייטער ליידן פון די שעדליכע אפעקט פון ברענענדע פאסיל פיולס, איז עס קריטיש אז מיר פארשנעלערן אונזער גרויסע-מאס באנייבארע ענערגיע פעאיגקייט. די פלאצירונג פון ברוקדעל סאלער און די 100 מעגאוואטס פון ריינע ענערגיע וואס עס וועט צושטעלן איז א גרויסע טריט צוו נאכקומען די סטעיט'ס CLCPA צילן און גרויסע געווינס פאר די ענווייראמענט. מיר אפלאדירן גאווערנאר האקול און די ORES דירעקטאר האוטען מאעוועני פאר זייער פארפליכטונג צו די קלימאט קאמף און פארזיכערן אז ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער אין סאולער ענערגיע פראדוקציע."

**ניו יארק סטעיט לעיבארערס יוניאן פאליטישע שריט קאמיטעט עקזעקוטיווע דירעקטאר ווינצענט אלבעניס האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנאר האקול און די אפיס פון באנייבארע ענערגיע פלאצירונג פארן גרינטליך איבערגיין און שנעל ערלויבן ניו יארק'ס נייסטע באנייבארע ענערגיע פראיעקט - א סטעיט-אוו-די-ארט סאולער ענערגיע פאסיליטי אין פרענקלין קאונטי. די פראיעקט וועט שאפן גוטע יוניאן דזשאבס פאר די לאקאלע בוי ארבעטערס, און זיי ערלויבן צו פארדינען שיין צו קענען אויסהאלטן א

פאמיליע. די דעוועלאפער, AES האט א אויפווייזענדע רעקארד פון שטיצן די קאמיוניטיס וואו זיי בויען, בשעת'ן צושטעלן קאריערע-שטאפל דזשאבס פאר לאקאלע מענטשן. די ניו יארק סטעיט לעיבארערס יוניאן איז שטאלץ צו שפילן א וויכטיגע ראלע אין בויען ניו יארק'ס באנייבארע ענערגיע צוקומפט."

**AES דירעקטאר פון דעוועלאפמענט דזשאש בערד,** "די ברוקסייד סאולער פראיקט איז נאך א גוטע ביישפיל פון AES'ס פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו פאראנטווארטליך אנטוויקלען איר פייפליין פון גרויסע-מאס באנייבארע ענערגיע פראיעקטן, אין ניו יארק. מיר זענען דאנקבאר די גאווערנער און ORES שטאב'ס פרואוון צו ווייטער טראגן די וויכטיגע פראיעקט. דאס ארויסגעבן פון די פלאצירונג פערמיט איז א באדייטענדע טריט אין רוקן די פראיעקט פאראויס, און מיר קוקן ארויס אויף די פילע בענעפיטן וואס די פראיעקט וועט ברענגען צו די לאקאלע קאמיוניטי און די סטעיט."

**טאון אוו טשעטיגעי סופערווייזער דאן בילאו האט געזאגט,** "די טאון פון טשעטיגעי איז צופרידן צו שטיצן די ברוקסייד סאולער פראיעקט. מיר שטיצן די סטעיט'ס פלאן צו פארגרעסערן די צושטעלונג פון גרינע ענערגיע און פארקלענערן די אפהענגיגקייט אויף פאסיל פיול. די באנייבארע פראיקטן זענען די ריכטיגע וועג צו אנהייבן באלאנסירן די עפעקטן פון גרינע הויז גרינהויז גאז און פארפעסטיגונג. איך בין דאנקבאר אז אפאר פון אונזער פירערס נעמען די געפאר פון גלאובאלע אנווארעמונג ערנסט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן